**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/27/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול גיבט א באריכט פאר ניו יארקער איבער סטעיט מיטלען ארויסגעשיקט צו ארויסהעלפן לאקאלע רעגירונגען נאכפאלגנדיג טארנאדא אין סאָליוועָן קאונטי**

***ניו יארקער געמוטיגט צו רופן די DFS'ס דיזעסטער האָטליין אויף (800) 339-1759 פאר אינשורענס-פארבינדענע פראגן***

***דעפארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס מוטיגט באטראפענע פארמס זיך צו פארבינדן מיט די פאראייניגטע שטאטן אגריקולטור דעפארטמענט'ס פארם סערוויס אגענטור צו באריכטן שאדנס***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט ארויסגעשיקט נאך סטעיט אגענטור מיטלען צו סאָליוואן קאונטי צו ארויסהעלפן קאמיוניטיס זיך ערהוילן נאכדעם וואס א טארנאדא האט זיך אראפגעלאזט אין ראַסקאָו און קעליקוּן סענטער. די נאציאנאלע וועטער סערוויס אפיס אין בינגהעמטאן האט באשטימט אז די טארנאדא איז געווען אן EF2 אויף די Enhanced Fujita וואגשאהל, מיט מאקסימאלע ווינטן פון 115 מ.פ.ש. די טארנאדא האט זיך גערוקט 10 מייל מיט א מאקסימאלע ברייטקייט פון 300 יארדס.

"די זיכערהייט פון ניו יארקער איז מיין הויפט פריאריטעט, און איך האב אנגעוויזן פאר מיין אדמיניסטראציע צו צושטעלן אלע נויטיגע הילפס-מיטלען פאר מענטשן אין סאָליוואן קאונטי וועלכע זענען באטראפן געווארן דורך די נאטורליכע קאטאסטראפע," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "זינט די טארנאדא איז אנגעקומען איז מיין מאנשאפט געווען אין כסדר'דיגע פארבינדונג מיט סטעיט און לאקאלע בעאמטע, גרייט צו העלפן מענטשן וועלכע זענען באטראפן געווארן דורך די שטורעם. מיר וועלן פארזעצן צו מאביליזירן יעדע מיטל וואס מיר האבן צו העלפן די קאמיוניטי זיך צוריק אויפצובויען און זיך צו ערהוילן."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס (Department of Financial Services, DFS) סופעראינטענדענט, עידריען א. העריס, האט געזאגט,** "די DFS שטייט גרייט צו העלפן באטראפענע היים אייגנטימער און ביזנעסער וועלכע האבן אינשורענס פראגן און קלעימס אין פארבינדונג צו די טארנאדאס אין סאָליוואן קאונטי. מיר וועלן פארזעצן צו ארויסהעלפן מיט די עמערדזשענסי אפרופונג באמיאונגען אין צוזאמענארבעט מיט אנדערע סטעיט אגענטורן און לאקאלע שותפים צו העלפן די קאמיוניטיס זיך צוריק אויפצובויען און זיך ערהוילן."

**דעפארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס (Department of Agriculture and Markets) קאמישאנער, ריטשארד א. באל, האט געזאגט,** "ווען א קאטאסטראפע קומט אן איז די סאמע וויכטיגסטע זאך אז מיר זאלן זיך צוזאמקומען אלץ א סטעיט צו העלפן די באטראפענע. יארן צוריק איז מיין אייגענע קאמיוניטי אין סקאָוהערי באטראפן געווארן דורך ערנסטע פארפלייצונגען, און דערפאר האב איך פארשטאנען אויף מיין אייגענע הויט די וויכטיגקייט פון זיך אויפשטעלן און שטיצן איינער דעם אנדערן נאכפאלגנדיג שווערע וועטערס. מיר ביי די דעפארטמענט זענען איבערגעגעבן צו העלפן צושטעלן פאר

סאָליוועו קאונטי איינוואוינער און פאר איר אגריקולטורישע קאמיוניטי די הילף וואס זיי דארפן זיך צוריקצושטעלן אויף די פיס, זיך צוריק אויפצובויען און זיך ערהוילן."

**סטעיט סענאטאר פיטער אָבערנקער האט געזאגט,** "אזוי ווי איך זעץ פאר צו רעדן מיט לאקאלע בעאמטע אין סאָליוועו קאונטי איז עס קלאר אז נאך שטיצע איז נויטיג צו העלפן די וועלכע זענען באטראפן געווארן דורך די לעצטיגע טארנאדא. די עקספערטן אין די דעפּארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס זענען א געוואלדיגע הילף, און איך מוטיג היים און ביזנעס אייגנטימער צו אויסנוצן די געלעגנהייטן צו באקומען הילף. דאס איז בלויז איין טריט אין דעם פראצעדור אזוי ווי מיר ארבעטן צוריק אויפצובויען אונזערע קאמיוניטיס, אבער עס איז א קריטישע אנהויב, און איך בין באמת דאנקבאר פאר די DFS'ס עמערדזשענסי אפרופונג."

**אסעמבלי מיטגליד עילין גונטער האט געזאגט,** "א קאטאסטראפע איז פארגעקומען שבת, און כאטש מיר קוקן זיך אן מזל"דיג אז קיינע לעבנס זענען נישט פארלוירן געווארן, דאך דארפן פילע פון אונזערע פריינט און פאמיליעס נאכאלץ באדייטנדע הילף. אונזער קאמיוניטי איז זיך בראווערהייט צוזאמגעקומען דורכאויס די שווערע צייט, און איך וויל באזונדערס באדאנקען די דעפּארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס פארן קומען דירעקט צו די באטראפענע קאמיוניטיס. איך בין שטאלץ מיט די שנעלע אפרופונג פון די סטעיט, און איך בין דאנקבאר פאר אלע הילף וואס איז געגעבן געווארן פאר אונזערע פארמס, ביזנעסער און פאמיליעס. ערהוילונג פון די שטורעם וועט נעמען צייט, און איך וויל פארזיכערן יעדן איינעם אז איך וועל זיין גרייט צו העלפן ביז יעדער איז צוריק אויף די פיס."

<u>**אגענטור אפרופונג אקטיוויטעטן**</u>

**דעפּארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס**

די דעפּארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס איינגעשטעלטע וועלן ארויסגעשיקט ווערן צו העלפן באטראפענע קאמיוניטיס צו צושטעלן הילף מיט אינשורענס פאר איינוואוינער וועלכע זענען באטראפן געווארן דורך די טארנאדא אין סאָליוועו קאונטי. צוליב שווערע שאדנס באטרעפנדיג היימער און פראפערטיס, וועלן שטאב מיטגלידער פון די דעפּארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס ארבעטן אין הילפס-מיטלען צענטערן צו העלפן איינוואוינער און ביזנעס אייגנטימער צו אריינגעבן אינשורענס קלעימס לויט ווי עס וועט זיך נויטיגן.

**דאנערשטאג, אפריל 27, טאַון אָוו ראקלענד**

- Roscoe Community Center, 1968 Old Route 17 Roscoe NY 12776
- 12 PM - 6 PM

**פרייטאג, אפריל 28, טאַון אָוו קעליקון**

- Callicoon Town Hall, 19 Legion St, Jeffersonville, NY 12748
- 9 AM - 4 PM

איינוואוינער וועלכע קענען נישט אנקומען צו באזוכן די הילפס-מיטלען צענטערן קענען באקומען הילף מיט פינאנציעלע סערוויסעס פראגן, אריינרעכענענדיג אינשורענס אינפארמאציע איבער פאליסי דעקונג פאר פארלוסטן, דורכן רופן די דעפּארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס'ס דיזעסטער האטליין

אויף 800-339-1759 טעגליך פון 8:30 צופרי ביז 4:30 נאכמיטאג און דורכן גיין צו די דעפארטמענט'ס וועבזייטל אויף dfs.ny.gov.

**דעפארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס**
די דעפארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס ארבעט מיט פעדעראלע אינסטאנצן פון די פאראייניגטע שטאטן אגריקולטור דעפּארטמענט'ס פארם סערוויס אגענטור (Farm Service Agency, FSA) צו זיכער מאכן אז באטראפענע פארמס קענען באקומען פארגוטיגונג פאר זייערע שאדנס.

סיי וועלכע פארם מיט שאדנס זאל זיך פארבינדן מיט די FSA סערוויס צענטער אויף 865-4005 (607) צו באריכטן די שאדנס. אין א באמיאונג צו פארזיכערן אז די אגריקולטורישע קאמיוניטי ווערט אנערקענט פאר געשעעניש נאך די קאטאסטראפע און פאר די ערהוילונג באמיאונגען, ערלויבט די שאדן איינגעבונג סּערווער כלי פאר פראדוצירער אדער מיטגלידער פון די אגריקולטורישע קאמיוניטי צו רעקארדירן שאדנס וועלכע זענען פארגעקומען ביי זייער לאקאציע. די סּערווער העלפט צו נאכפאלגן און אפשאצן שאדנס וועלכע קענען פארלאנגט ווערן דורך לאקאלע, סטעיט אדער פעדעראלע שותפים אין הילף פאר עמערדזשענסי דעקלעראציעס.

נאך אינפארמאציע איז פארעפנטליכט דא.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן